גליון

# אָמֵן וְאָמֵן

בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש תשרי תשפ"ה | גליון ר"ז

# וְכָל לֵבָב דַּוָּי וְכָל רֹאשׁ לָחֳלִי

שטייענדיג ביים שוועל ארויסצוגיין פון שנת תשפ"ד און אריינשפרייזן צו שנת תשפ"ה קוקט מען דאך אויף צוריק און מ'שרייט אויס "תכלה שנה וקללותיה", אויף אזא יאר ווי שנת תשפ"ד [כאטש דער יאר האט געהאט אין זיך אסאך גאר גוטע חלקים אויך, עס זענען געווען פיל מיט שמחות בלע"ה, מיט גרויסע ישועות ורפואות און ניסים גילויים ביי אידן און מיר דאנקען הקב"ה פאר דעם, אבער דער טבע הדברים איז צו געדענקען און באמערקן די נעגאטיווע און נישט גוטע טיילן].

אנגעהויבן פון דעם שווערן בלוטיגן קריג אין ארץ ישראל וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די שוידערליכע פראגראם אום שמחת תורה און גייט נאך אן ביז יעצט קאסטנדיג די לעבנס פון אזויפיל אידישע נפשות, און יושבי אר"י געפינען זיך אין א שווערע סכנה; די פילצאליגע גדולי ישראל וועלכע זענען ליידער אוועקגעריסן געווארן פון אונז דורכאויס דאס יאר, די שרעקליכע עקאנאמישע שוועריקייטן וואס פלאגט אזויפיל אידן, און דערנאך די פילע האר-אויפשטעלנדע טראגדיעס וואס האבן ליידער פאסירט דורכאויס דעם יאר.

דאס אלעס איז אין צואב צו פולע אנדערע שוועריקייטן וואס אידישע זענען אריבער און ביטערליך געוויינט צום הייליגן באשעפער אויף א ישועה. צי איז עס מיט געזונט - די שפיטעלער זענען ליידער פיל מיט אחינו בני ישראל, פון יונגע אומשולדיגע קינדערלעך שלא טעמו טעם חטא ביז טאטעס, מאמעס זיידעס און באבעס וואס וואלגערן זיך פון יסורים, צי איז עס די הונדערטע פארפעלקער וואס ווארטן געהאלפן צו ווערן בזרע של קיימא, און טייערע טאטעס און מאמעס וואס זייער הארץ צאפלט זיי אז זייערע קינדער זאלן אויסוואקסן ערליך און פרום בדרך ישראל סבא, צי זענען עס די אזויפיל אינגעלייט וואס מוטשענען זיך בעניני פרנסה, מ'האט נישט די מינימאלע הכנסה פאר די טאג טעגליכע געברויכן, אדער גאר טראגט מען אויף די פלייצעס גאר גרויסע חובות, און אזוי ווייטער מיט אלע אנדערע שווערקייטן און צרות מיט וואס מ'פלאגט זיך און מ'מוטשעט זיך - און מ'קוקט ארויס מיט א בליק פון האפענונג אז א שנת תשפ"ה זאל זיין א יאר פון לעכטיגקייט, א יאר פון ישועות ורפואות פאר יעדן איינעם באשר הוא שם.

אין די יעצטיגע ערב ראש השנה טעג איז מען דאך פארנומען מיט פארשידענע עצות און סגולות זוכה צו זיין צו א גוט געבענטשט יאר, אבער מיר ווילן אייך צייגן א מורא'דיגער מדרש וואס שטעלט אראפ א קריסטאל קלארער בילד וואס עס ברענגט צו צרות פאר אידן, און וואס עס קען געטוהן ווערן כדי צו פארמיידן די אלע צרות ביי אידישע קינדער:

**האט רבי ישמעאל כהן גדול געזאגט: דער "שר הפנים" האט מיר געזאגט וכו'**
**"מיין פריינד, זעץ זיך אויף מיין שויס און איך וויל דיר פארציילן וואס עס גייט פאסירן מיט אידישע קינדער". איך האב זיך געזעצט אויף זיין שויס און ער האט מיר אנגעקוקט און געוויינט, און זיינע טרערן זענען געפלאסן פון זיינע אויגן און געפאלן אויף מיין פנים. האב איך אים געפרעגט: פארוואס וויינסטו? האט ער מיר געענטפערט: "מיין פריינד קום וועל איך דיר ווייזן וואס עס איז באהאלטן פאר די אידישע קינדער, דער הייליגער פאלק".**

**האט ער מיר אנגעכאפט און ער האט מיר אריינגעברענגט צו אינעווייניגסטע צימערן און צו גאר באהאלטענע ערטער וואו עס זענען באהאלטן פארשידענע ביכער, ער האט זיי געעפענט און געוויזן ווי עס שטייט פארשידענע שרעקליכע צרות איינס אנדערשט פונעם צווייטן. האב איך אים געפרעגט "פאר וועמען זענען די צרות?" האט ער מיר געענטפערט: "פאר אידישע קינדער", האב איך געפרעגט: "צו וועלן זיי דאס קענען אויסהאלטן?" האט ער מיר געענטפערט: "מארגן קום צוריק וועל איך דיר ווייזן נאך ערגערע צרות".**

**צומארגנס האט ער מיר נאכאמאל אריינגעפירט צו די אינעווייניגסטע צימערן און מיר געוויזן צרות וועלכע זענען נאך ערגער ווי די ערשטע, ווער עס וועט גע'הרג'ט ווערן דורך א שווערד, ווער דורך הונגער, און ווער וועט געפירט ווערן אין געפענגעניש. האב איך אים געפרעגט: "מיין לעכטיגקייט, צו דען האבן נאר די אידן געזונדיגט?" האט ער מיר געענטפערט: "יעדן טאג ווערן באנייט פרישע און ערגערע צרות ווי די, אבער ווען זיי גייען אריין אין בתי כנסיות און בתי מדרשות און ענטפערן "אמן, יהא שמיה רבא" ערלויבן מיר נישט אז די צרות זאלן ארויסגיין פון די באהעלטענישן.**

**[היכלות רבתי]**

אָמַר רַבִּי יִשְׁמָעֵאל כֹּהֵן גָּדוֹל שָׂח לִי שַׂר הַפָּנִים וכו'

יְדִידִי שֵׁב בְּחֵיקִי וְאַגִּיד לְךָ מַה תְּהֵא עַל יִשְׂרָאֵל, יָשַׁבְתִּי בְּחֵיקוֹ וְהָיָה מִתְסַכֵּל בִּי וּבָכָה וְהָיוּ הַדְּמָעוֹת נוֹפְלוֹת מֵעֵינָו וְנוֹפְלוֹת עַל פָּנַי, אָמַרְתִּי לוֹ הֲדַר זִיו מָרוֹם לָמָּה תִּבְכֶּה, אָמַר לִי יְדִידִי בֹּא וְאַכְנִיסְךָ וְאוֹדִיעֲךָ מַה גָּנוּז לְיִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ.

תְּפַסְנִי וְהִכְנִסָנִי בְּחַדְרֵי חֲדָרִים וּבְגִנְזֵי גְּנָזִים. וּלְאוֹצְרוֹת שֶׁל פִּנְקָסִים וּפָתַח וְהֶרְאֵנִי כַּמָּה צָרוֹת כְּתוּבוֹת צְרוּרוֹת מְשֻׁנּוֹת זוֹ מִזּוֹ. אָמַרְתִּי לוֹ הַלָּלוּ לְמִי. אָמַר לִי לְיִשְׂרָאֵל, אָמַרְתִּי לוֹ וִיכוֹלִין לַעֲמוֹד בָּהֶם. אָמַר לְמָחָר בֹּא וְאוֹדִיעֲךָ צָרוֹת מְשֻׁנּוֹת מֵאֵלֶּה לְמָחָר הִכְנִסָנִי לְחַדְרֵי חֲדָרִים וְהֶרְאֵנִי צָרוֹת מְשֻׁנּוֹת מֵהָרִאשׁוֹנוֹת אֲשֶׁר לַחֶרֶב וַאֲשֶׁר לָרָעָב וַאֲשֶׁר לַשֶּׁבִי, אָמַרְתִּי לוֹ הֲדַר זִיוִי יִשְׂרָאֵל בִּלְבַד חָטְאוּ? אָמַר לִי בְּכָל יוֹם מִתְחַדְּשׁוֹת צָרוֹת רַבּוֹת עֲלֵיהֶם מֵאֵלֶּה, וּכְשֶׁנִּכְנָסִים לְבָתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּלְבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת וְעוֹנִין אָמֵן, יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא אֵין אָנוּ מַכְנִיסִים אוֹתָם לָצֵאת מֵחַדְרֵי חֲדָרִים.

טייערע לעכטיגע אידן! איינמאל א יאר טוט דאך יעדער מענטש באנייען זיין 'אינשורענס' אים צו פארזיכערן פון א פייער אדער אנדערע שאדן, **אצינד איז די צייט צו באנייען דעם בעסטן אינשורענס וואס וועט אייך פארזיכערן ניצול צו ווערן פון אלע צרות אויפ'ן קומענדיגן יאר בעז"ה!** מיטן זאגן **"אמן יהא שמיה רבא"** בכוונה האלט איר צוריק די צרות פון קומען אויף אידישע קינדער! מ'רעדט נישט דא פון קיין גרויסע השגות און שווערע אונטערנעמונגען, איר זענט דאך ממילא אין שול סך הכל לייגט צו אביסעלע קאפ און מחשבה נישט צו פארפאסן קיין איין **"אמן"** און **"אמן יהא שמיה רבא"**, און זיין געווארנט אין קדושת בית המדרש, און דערמיט וועט איר פארמיידן אלע צרות פון ארויסגיין, און איר פארזיכערט זיך א זיס לעכטיג געבענטשט יאר מיט אלעם גוטן!

אפשר להשיג הגליונות היו"ל מדי חודש בחודשו
718-305-6886 | Umein.Vumein@gmail.com | www.UmeinVumein.org

לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ז"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנוויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריבניץ